# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ה - גליון קפט**

**אחרי - קדושים**

בענין
**ב' טעמים – שאין חיוב השבה בהגוזל פחות משוה פרוטה**
**והנפקא מינות בין הטעמים**
**דברי המנחת חינוך**

**לֹא תַעֲשֹׁק אֶת רֵעֲךָ וְלֹא תִגְזֹל לֹא תָלִין פְּעֻלַּת שָׂכִיר אִתְּךָ עַד בֹּקֶר:** (ויקרא יט, יג)

### דברי הרמב"ם

די וואך אין פרשת קדושים שטייט די לא תעשה פון 'לא תגזול', דהיינו אז מען טאר נישט גזל'ן.

די לא תעשה פון 'לא תגזול', האט אויף זיך א מצות עשה, און די מצות עשה איז אז מען דארף צוריק געבן די גזילה וואס מען האט גע'גזל'ט, אזוי ווי עס שטייט אין פרשת ויקרא **'וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה אֲשֶׁר גָּזָל'** (ויקרא ה, כג).

דער **רמב"ם** אין הלכות גזילה ואבידה (פרק א, הלכה א) שרייבט אזוי: **כל הגוזל את חבירו שוה פרוטה עובר בלא תעשה שנאמר 'לֹא תִגְזֹל'** - איינער וואס גזל'ט פון זיין חבר אין די ווערט פון א 'שוה פרוטה' איז ער עובר אויף די לא תעשה פון 'לא תגזול'. און דער רמב"ם איז ממשיך און שרייבט: **ואין לוקין על לאו זה שהרי הכתוב נתקו לעשה שאם גזל חייב להחזיר שנאמר 'וְהֵשִׁיב אֶת הַגְּזֵלָה אֲשֶׁר גָּזָל'** (ויקרא ה, כג) - **זו מצות עשה** - און אפילו איינער האט עובר געווען אויף די לא תעשה פון 'לא תגזול' אפילו אזוי באקומט ער נישט קיין מלקות [אזוי ווי די הלכה איז ביי יעדער לא תעשה וואס מען איז עובר], וויבאלד די לאו פון לא תגזול איז א 'לאו הניתק לעשה', דהיינו די לאו האט צו זיך צוגעבינדן א 'מצות עשה', און די מצות עשה וואס איז דא צוגעבינדן איז די מצות עשה פון **'והשיב את הגזילה'**, דהיינו מען דארף צוריק געבן די גזילה וואס מען האט גע'גזל'ט. און די כלל איז אין די גאנצע תורה אז אויף א לאו הניתק לעשה באקומט מען נישט קיין מלקות.

איז דער רמב"ם ממשיך אין הלכה ב, און שרייבט: **ואסור לגזול כל שהוא דין תורה** - פירוש: אפילו די 'לא תעשה' פון 'לא תגזול' אין די תורה איז דוקא ווען מען גזל'ט א 'שוה פרוטה', אפילו אזוי איז אסור מן התורה צו גזל'ן אפילו א 'כל שהוא', דהיינו אפילו 'פחות משוה פרוטה. זאגט אבער דער **רמב"ם** (שם הלכה ו) **הגוזל פחות משוה פרוטה אף על פי שעבר אינו בתורת השיב גזילה** - פירוש: אפילו מן התורה איז אסור צו גזל'ן אפילו פחות משוה פרוטה, אבער דעס איז אלעס ביי די 'לא תעשה' פון גזל, אבער לגבי די 'מצות עשה' פון גזילה, דהיינו די מצוה פון 'והשיב את הגזילה' איז נישט דא ווען איינער גזל'ט פחות משוה פרוטה.

### ביאור המנחת חינוך והמחנה אפרים בשיטת הרמב"ם - שטעם הפטור להשיבת גזליה בפחות משוה פרוטה הוא כיון 'שינו בתורת השבה'

דער **מנחת חינוך** (מצוה קל) איז מבאר די טעם פארוואס לגבי די לא תעשה פון גזילה איז אפילו פחות משוה פרוטה אסור, און לגבי די מצות עשה פון והשיב את הגזילה איז נישט דא ביי פחות משוה פרוטה, וזה לשונו: **ודוקא משוה פרוטה ומעלה** [יש חיוב השבה]**, אבל פחות משוה פרוטה אינו חייב בהשבה אף על פי שאסור לגזול אפילו כל שהוא, וזה לשון הר"מ כאן פרק א הלכה ב ואסור לגזול כל שהוא דבר תורה... וכאן בהלכה ו כתב הגוזל פחות משוה פרוטה אף על פי שעבר, אינו בתורת השבה. ולא כתב שום טעם לדבר. והרב המגיד**

**פרק א מהלכות גניבה כתב על דברי הר"מ דאסור לגנוב כל שהוא, וזה לשונו: ודין פחות משוה פרוטה בממון כדין חצי שיעור באיסורין עכ"ל** - פירוש: דער **רמב"ם** אין **הלכות גניבה** (פרק א הלכה ב) שרייבט **'אסור לגנוב כל שהוא דין תורה'**, דהיינו מן התורה איז אסור צו גנב'ענען אפילו א כל שהוא - דהיינו אפילו פחות משוה פרוטה, קומט דער **מגיד משנה** דארט און איז מבאר די טעם פארוואס די איסור פון גניבה איז אפילו אויף פחות משוה פרוטה, וזה לשונו: **'ודין שוה פחות מפרוטה בממון כדין חצי שיעור באיסורין'**, דהיינו, די הלכה איז דאך אין די גאנצע תורה אז **'חצי שיעור אסור מן התורה'**, דהיינו אפילו לגבי עובר צו זיין יעדער לאו אין די תורה איז עס דוקא אויב מען איז עס עובר מיט די 'שיעור' וואס די תורה האט געגעבן, ווי למשל, ווען די תורה זאגט אז מען טאר נישט עסן קיין נבילה, איז די לאו דוקא אויף א 'כזית' - דהיינו נאר ווען מען עסט א כזית באקומט מען מלקות, אבער אפילו אזוי איז דא א איסור מן התורה אפילו 'פחות מכזית', און עס ווערט אנגערופן 'חצי שיעור אסור מן התורה' - און די דין איז אז מלקות באקומט מען טאקע נישט, אבער עס איז נאך אלץ אסור מן התורה. און די זעלבע זאך איז ביי 'גניבה' והוא הדין ביי 'גזילה', אפילו די לאו אין די תורה איז דוקא ווען מען גנב'עט אדער מען גזל'עט א 'שוה פרוטה', אפילו אזוי איז דא א איסור מן התורה, מכח 'חצי שיעור אסור מן התורה', אפילו ביי 'פחות משוה פרוטה.'

נאכן מבאר זיין די טעם פון דער רמב"ם פארוואס גזילה איז אסור מן התורה אפילו ביי פחות משוה פרוטה, איז דער מנחת חינוך ממשיך און איז מבאר פארוואס מען דארף נישט מקיים זיין די מצוה פון 'והשיב את הגזילה' ביי פחות משוה פרוטה, וזה לשונו: **נראה מדבריו דפחות משוה פרוטה אין מצוה עליו כלל להשיב. וכבר הבאתי לעיל בחיבור זה דעת קצת אחרונים דגם במצות עשה מצוה איכא בחצי שיעור כגון אכילת מצה בכל שהוא וכדומה, אם כן היה נמי קצת מצוה כאן דהוא מצות עשה, מכל מקום נראה דבמצות עשה לא הוי מצוה כלל בחצי שיעור.**

פירוש: דער מנחת חינוך שרייבט דא צוויי חידושים. 'חידוש א' - אז שיטת הרמב"ם איז אז די טעם פארוואס מען דארף נישט צוריק געבן פחות משוה פרוטה איז וויבאלד **'שאינו בתורת השוה כלל'**.

וביתר ביאור שרייבט אזוי אחד בגדולי האחרונים **רבי אפרים נבון זצ"ל** הנודע על שם חיבורו המפורסם **'מחנה אפרים'**, וזה לשונו (מחנה אפרים הלכות גזילה סימן א): **אמר יאודה** [הגאון רבי יהודה נבון זצ"ל בנו של המחנה אפרים - שהוציא לאור חיבורו של אביו הגדול] **ראיתי אחרי רואי מה שהעתיק אדוני אבי הרב הגדול זלה"ה והנראה מדבריו הוא דסבירא ליה דכל שגזל פחות משוה פרוטה אף שלא ידעו הבעלים או שידעו ולא מחלו מכל מקום אינו חייב להחזיר דלא חייבו רחמנא להשיב אלא דבר דמיקרי ממון ופחות משוה פרוטה לאו ממון מיקרי. ולע"ד נראה שכן הוא האמת דכן מורה לשון הרמב"ם ז"ל שכתב בפ"ק מהלכות גזילה דהגוזל פחות משוה פרוטה אף על פי שעבר אינו בתורת השבה. וכן נראה ג"כ מדסתם הרמב"ם ז"ל ואמר אינו בתורת השבה וכו'** - פירוש: דער מחנה אפרים איז מסביר אז די טעם פארוואס ווען איינער גזל'ט פחות משוה פרוטה האט ער נישט קיין חיוב פון 'השבה', איז פשוט ווייל די טעם פארוואס מען דארף אייביג צוריק געבן א גזילה איז נאר מכח די מצות עשה פון 'והשיב את הגזילה', און ביי פחות משוה פרוטה איז נישט דא די מצות עשה - וויבאלד פחות משוה פרוטה איז עס בכלל נישט בגדר 'ממון', און ווי די רמב"ם איז מדייק און שרייבט 'אינו בתורת השיב גזילה', און וועגן דעם איז מען פטור.

און מיט דעם איז דער מנחת חינוך מבאר זיין צווייטע חידוש, דהיינו וויבאלד מען האט אפגעלערנט אז די גאנצע טעם פארוואס מען דארף צוריק געבן א גזילה איז מכח די מצות עשה פון והשיב את הגזילה, און פחות משוה פרוטה איז נישט דא די מצות עשה, איז לכאורה קומט דא אריין די באוויסטע מחלוקת אין די אחרונים צו מען זאגט 'חצי שיעור במצות עשה', דהיינו, דעס איז א דבר פשוט אז ביי 'איסורים' זאגט מען חצי שיעור אסור מן התורה, און אין די ספרי האחרונים איז דא א גרויסע נידון צו די זעלבע זאך זאגט מען ביי א מצות עשה, למשל, ווען איינער טרעפט זיך פסח ביינאכט מיט א מצה וואס איז ווייניגער ווי א כזית, צו האט ער א חיוב צו עסן די מצה פחות מכזית אדער נישט, אויב זאגט מען 'חצי שיעור במצות עשה', האט ער א חיוב צו עסן די מצה אפילו עס איז פחות מכשיעור, און אויב זאגט מען אז מען זאגט נישט נישט חצי שיעור ביי מצות עשה, האט ער בכלל נישט קיין חיוב צו עסן די מצה. זאגט דער מנחת חינוך איז הוא הדין דא ביי די מצות עשה פון גזילה, אויב זאגט מען חצי שיעור במצות עשה, וועט לכאורה יא זיין א חיוב צוריק צו געבן אפילו פחות משוה פרוטה - מדין חצי שיעור, אבער אויב זאגט מען אז מען זאגט נישט חצי שיעור במצות עשה, גייט נישט זיין קיין חיוב השוה בפחות משוה פרוטה.

אבער דער מנחת חינוך איז מבאר, אז למסקנא נעמט מען אן אז מען זאגט נישט חצי שיעור במצות עשה, און אויב אזוי פארשטייט מען זייער גוט די ווערטער פון דער רמב"ם 'אינו בתורת השב גזלה', דהיינו עס גייט בכלל נישט זיין קיין חיוב פון 'והשיב את הגזילה', וויבאלד די מצות עשה פון והשבית את הגזילה איז בכלל נישט דא ביי פחות משוה פרוטה.

**טעם המשמע מגמרא - שפחות משוה פרוטה אינו חייב להשיב כיון שהנגזל מוחל להגזלן בפחות משוה פרוטה**

זאגט אבער דער **מנחת חינוך**, אז די ביאור איז נאר לפי פשטות לשון הרמב"ם, אבער די אמת איז אז אין די גמרא טרעפט מען א אנדערע טעם פארוואס עס איז נישט דא קיין חיוב פון 'והשיב את הגזילה' ביי 'פחות משוה פרוטה', וזה לשון המנחת חינוך: **אבל מהש"ס סנהדרין נז, עמוד א, ונט עמוד א, מבואר דהטעם דפחות**

**משוה פרוטה אינו בהשבה 'מחמת מחילה', דהנגזל מוחל על פחות משוה פרוטה, עיי"ש** - פירוש: אין **מסכת סנהדרין** (נז, א) איז מבואר, אז א כותי וואס גזל'ט פון א איד אפילו פחות משוה פרוטה איז עובר אויף גזילה [שהוא משבע מצות בני נח], און די גמרא פרעגט דארט: **אסור? הא בר מחילה הוא** - פירוש פארוואס איז דא א איסור פאר א כותי צו גזל'ן פון א איד, די טבע פון א ישראל איז דאך צו 'מוחל' זיין אויף א גזילה וואס איז פחות משוה פרוטה? ענטפערט די גמרא: **נהי דבתר הכי מחיל ליה, צערא בשעתיה מי לית ליה** - פירוש: אין הכי נמי די איד איז נאך די גזילה מוחל אויף די גזילה וויבאלד עס איז נאר א שוה פרוטה, אבער אפילו אזוי האט די איד געהאט צער פון די עצם גזילה, און וועגן דער צער, איז די כותי חייב אויף די גזילה. קומט רש"י דארט (ד"ה ד"ה צערא בשעתא) און שרייבט: **הלכך גזל הוא, אלא שאין בית דין ישראל נזקקין להשיבו, דבתר הכי מחיל ליה.**

זעהט מען פון רש"י און פון פשטות דברי הגמרא אז די טעם פארוואס פחות משוה פרוטה איז נישט דא די חיוב פון והשיב את הגזילה, איז וויבאלד עס איז דא דא א 'מחילה', דהיינו די איד איז 'מוחל' ווען ער ווערט גע'גזל'ט פחות משוה פרוטה.

על כל פנים האבן מיר צוויי טעמים פארוואס פחות משוה פרוטה איז נישט מחיוב מיט די מצות עשה פון 'והשיב את הגזילה'. טעם א - די טעם וואס איז משמע אין די רמב"ם, אז די מצות עשה איז נאר ביי א שוה פרוטה אבער פחות משוה פרוטה 'אינו בתורת השוה כלל'. טעם ב - די טעם וואס איז משמע אין די גמרא, אז עס ארבעט מכח 'מחילה', ווייל א מענטש איז 'מוחל' די פחות משוה פרוטה, און וועגן דעם דארף מען עס נישט צוריק געבן.

### ד' נפקא מינות בין הטעמים

קומט דער מנחת חינוך און שרייבט פיר נפקא מינות וואס וועט אויסקומען צווישן די ביידע טעמים.

### נפקא מינה א'

דער מנחת ברענגט אראפ די טעם פון דער רמב"ם און שרייבט: **ולפי זה אפילו בגוזל מחרש שוטה וקטן פחות משוה פרוטה**, און שפעטער ברענגט ער די טעם פון די גמרא און ער שרייבט: **אם כן לפי דבריהם בחרש שוטה וקטן לאו בני מחילה נינהו חייב בהשבה, או בעומד וצווח דאינו מוחל** - פירוש: דער מנחת חינוך שרייבט די ערשטע נפקא מינה צווישן די ביידע טעמים, און די נפקא גייט זיין און א פאל ווען עס איז נישט דא קיין מחילה, ווי למשל, ווען איינער גייט גזלן א פחות משוה פרוטה פון א חרש שוטה אדער קטן, וואס די דין איז אז 'לאו בני מחילה נינהו', דהיינו א חרש שוטה וקטן האבן נישט קיין כח צו מוחל זיין, און אויב אזוי לויט די גמרא, וועט מען זיין מחויב צו מקיים זיין די מצוה פון 'והשיב את הגזילה', וויבאלד ביי א חרש שוטה וקטן איז דאך נישט געוועהן קיין מחילה, און עס בלייבט די חיוב 'הושבה', מה שאין כן לויט דער רמב"ם אז פחות משוה פרוטה 'אינו בתורת השבה', איז אפילו ביי א חרש שוטה וקטן, גייט מען זיין פטור צו צוריק געבן א פחות משוה פרוטה. והוא הדין אויב דער איד שטייט און שרייבט אז ער איז 'נישט מוחל' אויף די פחות משוה פרוטה, איז לויט די גמרא וועט מען זיין מחויב צוריק צו געבן די פחות משוה פרוטה, און לויט דער רמב"ם נישט.

### נפקא מינה ב

נאך א נפקא מינה שרייבט דער מנחת חינוך, וזה לשונו: **גם נפקא מינה אם גזל פחות משוה פרוטה ונתייקר ושוה פרוטה, לדעת זו דלאו מטעם מחילה הוא רק פחות משוה פרוטה אין מצות עשה עליו, מכל מקום אפשר דעל כל פנים ברשותו דמריה אתייקר כי הוא של הנגזל, ויכול להוציא ממנו הנגזל עתה, אף על פי שאפשר אין מצות השבה על הגזלן כיון דבשעת גזילה לא הוי שוה פרוטה, מכל מקום על כל פנים הוי ליה של הנגזל, כמו כל גזילה דאתייקר דהוא של הנגזל עיין ר"מ** (כאן פרק ב הלכה טז)... **אבל אי אמרינן דמחל, אם כן תיכף מחל, והוי ליה של הגזלן ועומד ברשותו והוא שלו, ואפילו נתייקר** - פירוש: נאך א שיינער נפקא מינה שרייבט דער מנחת חינוך, אויף א פאל וואס איינער גייט גזל'ן א פחות משוה פרוטה, און שפעטער גייט די ווערט פון די שוה פרוטה 'נתייקר' ווערן, און עס גייט זיין ווערט א פרוטה. איז לויט דער רמב"ם אז די טעם פארוואס מען איז פטור פון 'והשיב את הגזילה', איז מכח 'שאינו בתורת השבה', גייט מען דא זיין מחויב צוריק צוגעבן די 'שוה פרוטה', אזוי ווי דער רמב"ם אליינס שרייבט אין הלכות גזילה (פרק ב הלכה טז) אז אפילו נאך די גזילה איז די 'פחות משוה פרוטה' אין די רשות פון 'נגזל' און נישט אין די רשות פון די 'גזלן', און אויב אזוי וויבאלד יעצט איז די פחות משוה פרוטה ווערט א פרוטה, איז די גזלן מחויב צוריק צו געבן די שוה פרוטה, ווייל יעצט איז עס 'בתורת השוה'. מה שאין כן לויט די גמרא אז די טעם איז ווייל די נגזל איז מוחל, איז דא וויבאלד גלייך נאך די גזילה האט די נגזל מוחל געוועהן די פחות משוה פרוטה פאר די גזלן, איז די פחות משוה פרוטה געווארן אין די רשות פון די גזלן, און יעצט אז די פחות משוה פרוטה איז נתייקר געווארן און עס איז געווארן ווערט א שוה פרוטה, דארף נישט די גזלן יעצט צוריק געבן די שוה פרוטה, ווייל עס איז אין זיין רשות.

### נפקא ג

נאך א נפקא מינה שרייבט דער מנחך חינוך: **וכן אם לקח עוד חצי פרוטה וצירף לזה, וקידש בו אשה, אי הטעם מחמת מחילה - הוי שלו**

**והאשה מקודשת, אבל אי אמרינן דלאו מחילה היא רק דאין מצוה עליו להשיבו, מכל מקום הוא של הנגזל אם כן אינה מקודשת... וכן נפקא מינה לגבי ארבעה מינים ושאר דברים**.

פירוש: נאך א נפקא מינה שרייבט דער מנחת חינוך, אויב די גזלן גייט נעמען די פחות משוה פרוטה און ער גייט מצרף זיין צו דעם נאך א חצי פרוטה, און צוזאמען גייט ער יעצט האבן א גאנצע פרוטה און יעצט גייט ער און ער איז מקדש א פרוי מיט דעם, איז לפי די גמרא אז די נגזל האט מוחל געווען די פחות משוה פרוטה, גייט די קידושין זיין א גוטע קידושין, וויבאלד די גע'גזל'טע פחות משוה פרוטה איז דאך יעצט אין די רשות פון די גזלן [ווייל די נגזל האט דאך עס מוחל געווען], אבער לפי דער רמב"ם איז די פחות משוה פרוטה קיינמאל נישט געווארן אין די רשות פון די גזלן, נאר די גזלן דארף עס פשוט נישט צוריק געבן ווייל עס איז 'אינו בתורת השבה', אבער לעולם איז עס נישט זיין, און אויב אזוי גייט די קידושין נישט זיין קיין קידושין, ווייל א האלבע פרוטה פון די גאנצע פרוטה וואס ער געט יעצט פאר די פרוי איז דאך נישט זיינס.

והוא הדין גייט כאפן די זעלבע נפקא מינה ביי אלע זאכן וואס די תורה פארדערט אז עס דארף זיין 'לכם', אזוי ווי ביי די ד' מינים, וואס די לולב און די אנדערע מינים דארפן זיין 'לכם', אזוי ווי די תורה שרייבט (ויקרא כג, מ): **וּלְקַחְתֶּם לָכֶם**, איז לפי דער רמב"ם גייט מען נישט יוצא זיין ווען מעגן קויפט די ד' מינים מיט די גע'גזל'עט פחות משוה פרוטה, און לפי די גמרא גייט מען יא יוצא זיין, ווייל נאך די מחילה פון די נגזל, איז די פחות משוה פרוטה שוין 'לכם' פאר די גזלן.

**נפקא ד**

נאך א נפקא מינה שרייבט דער מנחת חינוך: **גם נפקא מינה גדולה לפי דעתי, דידוע דשיעור הצירוף כדי אכילת פרס הוא רק במידי דאכילה, ובמעילה קיימא לן דצירף המעילה לשוה פרוטה אפילו לזמן מרובה חייב... אם כן בגוזל פחות משוה פרוטה מאחד היום, וביום מחר עוד פחות מפרוטה, ואפילו לזמן מרובה - מצטרף, הן שעבר על הלאו, והן שחייב בהשבה, דלמה לא, אבל אי אמרינן מטעם מחילה אם כן צריכה להיות הגזלה שוה פרוטה בפעם אחת, אבל אם גזל חצי פרוטה ממילא מחל לו, ובכל חצי פרוטה הוי מחילה, אם כן אין מצרף לפרוטה כלל ואין צריך להשיב רק אם גזל שוה פרוטה בפעם אחת** - פירוש: נאך א גרויסע נפקא מינה שרייבט דער מנחת חינוך. די הלכה איז ווען די תורה געט א געוויסע שיעור, קען מען עובר זיין אויף דעם שיעור אפילו מען איז נישט עובר אויף די גאנצע שיעור אויף איינמאל, ווי למשל, ווען איינער גייט עסן א האלבע כזית פון נבילה, און נאכדעם גייט ער עסן נאך א האלבע כזית, איז די דין, אז אויב האט ער געגעסן די ביידע האלבע כזיתים און א צייט פון 'כדי אכילת פרס', איז זיך די ביידע האלבע מצרף, און עס ווערט גערעכנט אזוי ווי ער האט געגעסן א גאנצע כזית אויף איינמאל, און ער גייט באקומען מלקות אויף דעם וואס ער האט געגעסן נבילה. זאגט דער מנחת חינוך אז דעס איז דוקא ביי 'מידי דאכילה', דהיינו ביי איסורים וואס האבן מיט עסן, אבער ביי אלע אנדערע איסורים וואס האט נישט מיט אכילה, זאגט מען אויך די דין פון 'צירוף', אבער דארט איז עס נישט תלוי אין קיין זמן, און אזוי ווי די גמרא זאגט אין **מסכת מעילה** (יח, ב) אז אויב איינער איז מועל בהקדש בחצי פרוטה היום, און שפעטער איז ער מועל נאך א חצי פרוטה למחר ואפילו לזמן מרובה, איז ער חייב אויף מעילה, ווייל די ביידע חצי פרוטה איז זיך מצטרף צו איין פרוטה.

זאגט דער מנחת חינוך, אז לפי זה גייט ארויסקומען א גרויסע נפקא מינה לויט דער רמב"ם און די גמרא. און דעס גייט זיין אויף א פאל, ווען איינער גייט גזל'ן א חצי פרוטה היינט פון איינעם, און מארגען גייט ער גזל'ן נאך א חצי פרוטה פון דער מענטש, איז לויט די גמרא אז די טעם פארוואס מען איז פטור אויף 'והשיב את הגזילה' איז וויבאלד דער נגזל איז 'מוחל' אויף די חצי פרוטה, קומט אויס, אז ברגע דער גזלן האט גע'גזל'ט די ערשטע פחות משוה פרוטה, האט דער נגזל שוין מוחל געווען די פחות משוה פרוטה, און אויב אזוי ווען דער גזלן גייט מארגען און ער גזל'ט נאך א שוה פרוטה, איז זיך די חצי פרוטה נישט מצרף מיט די ערשטע חצי פרוטה, ווייל די ערשטע חצי פרוטה איז שוין 'נמחל' געווארן, און עס קען זיך נישט מצרף זיין. מה שאין כן לויט דער רמב"ם וואס די גאנצע טעם איז ווייל 'אינו בתורת השבה', וועט ער יא זיין מחויב צוריק געבן ביידע חצי פרוטות, וויבאלד, ווען ער גייט נאכאמאל און ער גזל'ט נאך א שוה פרוטה, איז זיך די די שוה פרוטה מצרף מיט די חצי פרוטה וואס ער האט נעכטען גע'גזל'ט, און יעצט האט ער ביי זיך א 'גאנצע פרוטה', און אויף דעם 'גאנצע פרוטה' איז שוין יא דא א 'תורת השבה' און ער דארף עס יא צוריק געבן!